# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................7:46
מוצאי שב"ק......................9:14

**שיעורים כסדרן**
נ"ך........דברי הימים-ב' ל"ג-ל"ד
בבלי........................בכורות כ"ד
ירושלמי..................מעשרות ז'
תוספתא...........עירובין פרק ח'
רמב"ם.............טומאת מת י"ב

פרשת קדושים, ו' אייר, שנת תשע"ט לפ"ק
שנה 8, גליון 35 (395)

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**לֹא תִקֹּם וְלֹא תִטֹּר אֶת בְּנֵי עַמֶּךָ וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ אֲנִי ה'.** דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קס"ה) אַז **"רֵעֲךָ"** אִיז אוֹיךְ אַ לָשׁוֹן פוּן רַע - שְׁלֶעכְט. אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאְרן מֶענְטְשׁ: **וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ** - דוּ זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס קוּמְט אוֹיף דִיר. וַוייל, **כָּמוֹךָ** - אַזוֹי וִוי דוּ פִּירְסְט זִיךְ אוֹיף. **אֲנִי ה'** - בִּין אִיךְ דֶער בַּעַל הָרַחֲמִים, אִיךְ גֵיי מִיט דִיר מִיט גְרוֹיס רַחֲמָנוּת.

אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַסַאךְ מָאל פוּל מִיט טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס אַלֶעס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל, עֶר כַאפְּט אָבֶּער נִישְׁט אַז בֶּאֱמֶת הָאט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן עֶס וָואלְט אִים גֶעקוּמֶען פַאר דֶעם הַארְבֶּע עוֹנְשִׁים, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים מַאכְט עֶר אַז עֶס זָאל נִישְׁט גֵיין גוּט פַאְרן מֶענְטְשׁ מִיט עֶטְלִיכֶע קְלֵיינִיקַייטְן אוּן מִיט דֶעם קוּמְט עֶר אַלֶעס אָפּ, אַנְשְׁטָאט צוּ דַארְפְן לַיידְן אַסַאךְ צָרוֹת רח"ל.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז כָאטְשׁ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דֶער רֶבִּי גֵייט דָא אַוֶועק פוּנֶעם פָּשׁוּט'ן פְּשַׁט אִין פָּסוּק, אִיז אָבֶּער בֶּאֱמֶת דֶער פְּשַׁט אוֹיךְ גֶעבִּינְדֶען מִיטְן פָּשׁוּט'ן פְּשַׁט אַז מֶען דַארְף לִיבּ הָאבְּן אַ חַבֵר פּוּנְקְט וִוי זִיךְ אַלֵיין.

פוּן וָואס לַיידְט אַ מֶענְטְשׁ צָרוֹת? בְּעִיקָר אִיז עֶס פוּן חֲבֵרִים אוּן נָאנְטֶע, פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ בְּרוֹגֶז אוֹיף זֵיי אוּן עֶר ווִיל נָאר נְקָמָה נֶעמֶען פוּן זֵיי אוּן זֵיי צוּרִיק גֶעבְּן טָאפְּלְט פוּן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעדֶענְקְט אָבֶּער אוּן וֵוייסְט אַז אַלֶע צָרוֹת שִׁיקְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, אוּן אַלֶעס הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן, דַאן וֵוייסְט עֶר אַז דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן אִים קָאפּ ווֵייטָאג זֶענֶען אוֹיךְ נָאר שְׁלוּחִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר דַארְף נִישְׁט פוּן זֵיי נְקָמָה נֶעמֶען, נָאר עֶר דַארְף צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **לֹא תִקֹּם וְלֹא תִטֹּר אֶת בְּנֵי עַמֶּךָ**, זָאלְסְט נִישְׁט נְקָמָה נֶעמֶען פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן דִיר גֶעטוּן שְׁלֶעכְטְס, וַוייל דוּ דַארְפְסְט גֶעדֶענְקֶען אַז, **וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ**, זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס דוּ מֶענְטְשְׁן גֶעבְּן דִיר, וַוייל, **כָּמוֹךָ**, אַזוֹי וִוי דוּ פִּירְסְט זִיךְ אוֹיף, **אֲנִי ה'**, גֵייט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ מִיט רַחֲמָנוּת, אוּן אֵיינְמָאל דוּ וֶועסְט גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועסְטוּ קֶענֶען מְקַיֵים זַיין אוֹיךְ דִי פָּשׁוּט'עֶ פְּשַׁט אִין פָּסוּק צוּ לִיבּ הָאבְּן דֶעם חַבֵר פּוּנְקְט וִוי זִיךְ אַלֵיין, וַוייל דוּ וֶועסְט גֶעדֶענְקֶען אַז זֵיי זֶענֶען נָאר שְׁלוּחִים פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים תשס"א לפ"ק)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ קוּנְץ אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן

אִין דִי צַייטְן פוּן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זִיךְ בַּאנִיצְט מִיט קַבָּלָה מַעֲשִׂיּוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל אִיז זֵייעֶר שַׁארְף אַז מֶען זָאל נִישְׁט עוֹסֵק זַיין אִין דֶעם, וַוייל מִיר זֶענֶען אַלֶע טְמֵאֵי מֵתִים, מִיר הָאבְּן נִישְׁט הַיינְטִיגֶע צַייטְן דִי אֵפֶר פָּרָה אֲדוּמָּה, מִמֵּילָא טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאנִיצְן מִיט דֶעם, וַוייל מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין אַ סַכָּנָה (עַיֵּין בְּסֵפֶר שַׁעֲרֵי קְדוּשָּׁה לְרַבִּי חַיִּים וִיטַאל זַצַ"ל, חֵלֶק ג' שַׁעַר ו'). לְמַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זִיךְ יָא בַּאנִיצְט מִיט דֶעם, וֶוען חֲסִידִים הָאבְּן דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר זֵייעֶר רֶבִּי, הָאט יֶענֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט מֶען זָאל אִים מַאכְן אַ 'מַשְׁכַּנְתָּא', מֶען זָאל אִים אַרוּם נֶעמֶען מִיט אַ קְלֵייד אוּן אִים שְׁלָאגְן וְכוּ', דִי חֲסִידִים הָאבְּן גֶעפָאלְגְט זֵייעֶר רֶבִּי אוּן דֶער אִיד אִיז מַמָּשׁ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע עַצְבוּת, מֵאִיגְּרָא רָמָא לְבֵירָא עֲמִיקְתָּא, אוּן עֶר אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ, דִי מִשְׁפָּחָה הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן, זֵיי זֶענֶען אַרוּם גֶעלָאפְן צוּ אַלֶע רַבָּנִים, אָבֶּער

<<<<<<

## א גוט ווארט

אַ שָׁאד זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף אַ בָּשָׂר וָדָם; אַ מֶענְטְשׁ הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט. נִישְׁט דָא קַיין חֲבֵרִים, אַ מֶענְטְשׁ אִיז אֵיינֶער אַלֵיין אוֹיף דִי וֶועלְט, דִי חֲבֵרִים זֶענֶען גוּט וִוילַאנְג זֵיי קֶענֶען הָאבְּן אַ נוּצְן, אַ טוֹבַת הֲנָאָה.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס גֶע'חַזֶר'ט מִיט אוּנְז זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן אַן אֱמֶת'עֶ לֶעבְּן אוּן וִויסְן וָואס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען. נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן מֶענְטְשְׁן אוּן זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, נָאר לֶעבְּן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער; טְרַאכְטְן פוּן אִים אוּן זִיךְ פַארְלָאזְן נָאר אוֹיף אִים, אַזוֹי וִוי יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא זָאגְט (יִרְמְיָהוּ יז, ז): "בָּרוּךְ הַגֶּבֶר", גֶעבֶּענְטְשְׁט אִיז דֶער מֶענְטְשׁ, "אֲשֶׁר יִבְטַח בַּה'", וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְהָיָה ה' מִבְטַחוֹ", וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' קְדוֹשִׁים תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




## וואוּ זֶענֶען אַלֶע תְּפִלּוֹת וָואס מִיר הָאבְּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶועןְ פַּאר שִׁמְעִי עָלָיו הַשָּׁלוֹם?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

עֶס טוּט מִיר אַזוֹי וֵויי אַז שִׁמְעִי עֶנְדְצְוֵוייג ע״ה אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, אוּן נָאךְ מֶער שְׁטֶעכְט מִיר וואוּ זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען דִי אַלֶע תְּפִלּוֹת אוּן טְרֶערְן וָואס מְ'הָאט פַארְגָאסְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין רְפוּאָה.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פוּן נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַזוֹיפִיל מִתְפַּלֵּל גֶעוֶועןְ, אַזוֹיפִיל גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן, וִוי שִׁמְעִי ע״ה.

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ זָאגְן, אָבֶּער אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען בַּיי זַיין לְוַיָה אוּן זִיךְ גֶעבְּרָאכְן קָאפּ, אוֹיב אַזוֹיפִיל תְּפִלּוֹת אוּן אַזוֹיפִיל טְרֶערְן זֶענֶען נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ נָאךְ שְׁטַארְקְן וַוייטֶער צוּ בֶּעטְן אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאפְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט עֶנְטְפֶערְן מַיינֶע תְּפִלּוֹת וָואס זֶענֶען נִישְׁט מִיט טְרֶערְן אוּן נִישְׁט אַזוֹיפִיל שָׁעוֹת, אוּן נִישְׁט מִיט אַזַא צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, אוּן נִישְׁט פוּן אַזַא רֵיין הַארְץ וִוי שִׁמְעִי?

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א וֶועט מִיר קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין.

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳, כ״ג נִיסָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז פַאר אוּנְז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרָאפְּצוּשְׁלִינְגֶען דִי בִּיטֶערֶע נֵייעֶס אַז מִיר הָאבְּן פַארְלוֹירְן אַ טֵייעֶרֶע תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה - שִׁמְעִי עָלָיו הַשָּׁלוֹם.

מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט אוּן מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט, מִיר וֵוייסְן נָאר אֵיין זַאךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט. מִיר דַארְפְן שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן: "מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט אוּן מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט"; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, "אֵ-ל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל, צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא (דְבָרִים לב, ד)", פַארְוָואס? פַאר וֶוען? אוּן פַאר וואוּ? דָאס הָאט נִישְׁט מִיט אוּנְז.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן נב): דָאס וָואס עֶס אִיז דָא קַשְׁיוֹת אוֹיפְן

<<<<<<

>>>>>>

קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם אִיד פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה, בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעהאָלְפְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אַ קוּנְץ אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן אַ אִיד? אַ קוּנְץ אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַ אִיד", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן עֶר הָאט צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת.

זֶעט מֶען אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, נִישְׁט זַיין צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט, דָאס קֶען מֶען נָאר זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמָה, ד.): יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס רוּפְט אוֹיס: "מַאן מִנְכוֹן דִי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא, וְטָעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא עַד לָא יֵיתוֹן הָכָא", וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל - לִיכְטִיג אוּן פוּן בִּיטֶער - זִיס? "מַאן מִנְּכוֹן דִּמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְנָהִיר?" וֶוער וַוארְט יֶעדְן טָאג עֶס זָאל לִיכְטִיג וֶוערְן? דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, עֶר מַאכְט פוּן זַיין בִּיטֶער לֶעבְּן - אַ זִיס לֶעבְּן, פוּן זַיין טוּנְקְלְקֵייט - מַאכְט עֶר לִיכְטִיג; עֶר וֵוייסְט אַז אִין דִי טוּנְקְלְקֵייט אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִין דִי בִּיטֶערְנִישׁ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - דֶער אִיז אַ צַדִּיק.

### מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפִירָה טֶעג. אִין דִי טֶעג טְרוֹיעֶרְן מִיר אוֹיף דִי פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן אִין דִי טֶעג, וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט מְכַבֵּד גֶעוֶועןְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן נִישְׁט גֶעלֶעבְּט בְּשָׁלוֹם אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן.

דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אַז מִיר זָאל פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּ פַארְבֶּעסֶערְן טַאקֶע אִין דֶעם הִינְזִיכְט, אַז מִיר זָאלְן יָא מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן, אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

דִי סִיבָּה וָואס מַאכְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן אִיז וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין רֵיינֶע אֱמוּנָה. וֶוען אַ אִיד הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן עֶר גְלֵייבְּט אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן אָנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן, עֶר וֶועט נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן, עֶר וֶועט וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף צוּ הָאבְּן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין גֶעבְּן, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים דָאס נִישְׁט צוּכַאפְּן. אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (יוֹמָא לח:) "בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בְּמֶה שֶׁמּוּכָן לַחֲבֵרוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּמַלְכוּת חֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא", קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אָנְרִירְן וָואס עֶס בַּאלַאנְגְט צוּ אַ צְוֵוייטְן.

וֶוען אַ אִיד הָאט אָבֶּער נִישְׁט דִי קְלָארֶע אֱמוּנָה, דַאן הוֹיבְּט עֶר אָן וֶוערְן טְרוֹיעֶרִיג פַארְוָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט מֶער פוּן אִים, אוּן אַנְשְׁטָאט צוּ טוּן דִי רִיכְטִיגֶע שְׁרִיט, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אַנְשְׁטָאט דֶעם אִיז מֶען מְקַנֵּא דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן מֶען וֶוערְט בְּרוֹגֶז אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן דַאן קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט לִיבּ הָאבְּן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט דִי צַייט זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעווָאוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף. וֶוען אַ אִיד גֶעווָאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ, דַאן בַּאקוּמְט עֶר אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן דַאן וֶועט עֶר שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין קֵיינֶעם, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, אוּן קֶענֶען לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

אוֹיסֶער דֶעם אִיז דָאס אִיז אוֹיךְ אַ פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצָה אַרוֹיפְצוּקוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוּן זֶען נָאר דָאס גוּטְס בַּיי יֶעדְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס אַז יֶענֶער הָאט גֶעטוּן שְׁלֶעכְטְס, זָאל מֶען אִים דַן זַיין לְכַף זְכוּת. וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען טוּט דָאס וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת, אָדֶער דִינִים חַס וְשָׁלוֹם.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן קי״ג) אַז פַאר מֶען גֶעבְּט אַרוֹיס אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין אוֹיבּ עֶר אִיז מַסְכִּים צוּ דִי גְזֵירָה. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אוֹיבּ מֶען פְרֶעגְט גֶעהֶערִיג דֶעם מֶענְטְשׁ, וֶועט עֶר זִיכֶער זָאגְן אַז עֶס קוּמְט אִים נִישְׁט אַזַא עוֹנֶשׁ, דֶערְפַאר פְרֶעגְט מֶען אִים אוֹיף אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ, לְמָשָׁל וֶוען אֵיינֶער דֶערְצֵיילְט אִים: "דוּ וֵוייסְט, יֶענֶער הָאט גֶעטוּן דָאס אִיז דָאס" אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הֶערְט דָאס, וֶוערְט עֶר גֶערֶעגְט אוּן עֶר פַּסְקְ'נְט גְלַייךְ אוֹיף יֶענֶעם: "פַאר אַזַא זַאךְ קוּמְט יֶענֶעם מִיתָה! פַאר אַזַא זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דַארְף מֶען אִים גֶעבְּן אַ הַארְבְּן עוֹנֶשׁ!". אוּן דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז מִיט דֶעם פַּסְקְ'נְט עֶר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, וַוייל אַמָאל הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעטוּן עֶפֶּעס אַן עֶנְלִיכֶע זַאךְ, אוּן מִיט דֶעם וָואס עֶר פַּסְקְ'נְט אוֹיף יֶענֶעם, הָאט עֶר גֶע'פַּסְקְ'נְט אַן עוֹנֶשׁ אוֹיף זִיךְ אַלֵיין.

> **אַ אִיד וָואס הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, וֶועט נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן, עֶר וֶועט נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן.**

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ג) "וְנִפְרָעִין מִן הָאָדָם מִדַּעְתּוֹ וְשֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ". וֶוען מֶען שְׁטְרָאפְט אַ מֶענְטְשׁ פְרֶעגְט מֶען אִים "מִדַּעְתּוֹ", מֶען פְרֶעגְט אִים וָואס עֶר אַלֵיין הַאלְט אַז עֶס קוּמְט זִיךְ אִים פַאר אַן עוֹנֶשׁ. אָבֶּער עֶס אִיז אוֹיךְ "שֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ", עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז מֶען פְרֶעגְט אִים אוֹיף אִים אַלֵיין, עֶר מֵיינְט אַז מֶען פְרֶעגְט אִים אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. אוּן וִוי אַזוֹי עֶר פַּסְקְ'נְט אוֹיף יֶענֶעם, אַזוֹי טוּט מֶען פַאר אִים.

<<<<<<

>>>>>>

דֶערְפַאר, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הִיט זִיךְ אָפּ נִישְׁט צוּ פַּסְקְ'עֶנֶען שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, מִיט דֶעם וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, וַוייל מֶען קֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּן נָאר אוֹיבּ עֶר אִיז אַלֵיין מַסְכִּים דֶערוֹיף. דֶערְפַּאר אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ טוּן אַז וֶוען מֶען הֶערְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אֵיינֶעם, זָאל מֶען יֶענֶעם דַן זַיין לְכַף זְכוּת, עֶס אִיז זִיכֶער גֶעוֶוען סִיבּוֹת וָואס הָאט יֶענֶעם צוּגֶעבְּרֶענְגְט דָאס צוּ טוּן. אוּן דַאן וֶועט מֶען אִים אוֹיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת פוּן הִימְל, אַזוֹי וִוי דִי גְּמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת קכ"ז:) "הַדָּן אֶת הַבְּרִיּוֹת לְכַף זְכוּת, דָּנִין אוֹתוֹ לְכַף זְכוּת".

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ וֶוען מֶען הֶערְט אַ צָרָה וָואס אִיז גֶעשֶׁען צוּ אַ מֶענְטְשׁ, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זָאל מֶען נִישְׁט זָאגְן "עֶס קוּמְט זִיךְ יֶענֶעם" א.ד.ג. וַוייל מִיט דֶעם פַּסְקְ'נְט מֶען אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. פַארְקֶערְט, מֶען זָאל זָאגְן אַ תְּפִלָּה, "ה' יִשְׁמְרֵנוּ וְיַצִּלֵנוּ" "רַחֲמָנָא לִיצְלָן" "אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד גֶעדַאכְט" א.ד.ג. מִיט דֶעם וַוייזְט מֶען, אַז מֶען וִויל נִישְׁט דֶעם עוֹנֶשׁ, אוּן מֶען רַאטֶעוֶועט זִיךְ פוּן אַסַאךְ עוֹנְשִׁים.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) אַז אֵיידֶער עֶס קוּמְט אַ שְׁלֶעכְטֶע גְּזַר דִין, פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין אוּן מֶען פְרֶעגְט אוֹיךְ אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. קוּמְט אוֹיס אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט דֶעם כֹּחַ אַוֶועקְצוּנֶעמֶען גְּזֵירוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוֹיבּ עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ שְׁטֶענְדִיג דַן צוּ זַיין מֶענְטְשְׁן לְכַף זְכוּת, אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט שׁוּלְדִיג, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג רַאטֶעוֶועט עֶר אַלֶע אִידְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אוֹיךְ בְּרוּחֲנִיּוּת קֶען מֶען הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען אִיז זֵיי דַן לְכַף זְכוּת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דַן אַ צְוֵוייטְן לְכַף זְכוּת, מִיט דֶעם מַאכְט עֶר אַז יֶענֶער זָאל טַאקֶע וֶוערְן גוּט, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים לז, י) "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע" - אוֹיבּ וֶועסְטוּ קוּקְן אוֹיף דִי בִּיסְל וָואס יֶענֶער אִיז נִישְׁט קַיין רָשָׁע. דַאן, "וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ" - וֶוען דוּ וֶועסְט אִים נָאכְדֶעם אָנְקוּקְן אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיף אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה, וַוייל מִיט דֶעם וָואס דוּ הָאסְט אִים דַן גֶעוֶוען לְכַף זְכוּת, אַז עֶר הָאט נָאר גֶעמֵיינְט גוּט, מִיט דֶעם וֶוערְט יֶענֶער טַאקֶע גוּט.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי טֶעג פוּן סְפִירָה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶעבְּן דֶעם אֵייגֶענֶעם לֶעבְּן אָן קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין אוּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען אַ צְוֵוייטְן. נָאר קוּקְן אוֹיף דִי גוּטְס פוּן יֶענֶעם אוּן דַן זַיין יֶעדְן לְכַף זְכוּת, דַאן וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוֹיךְ נָאר קוּקְן אוֹיף זַיין גוּטְס, אוּן עֶס וֶועט אִים קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ חֵלֶק ח' עֵרֶךְ דָן אֶת חֲבֵירוֹ)

>>>>>>

אין די יעצטיגע טעג קען מען שוין דינגען א בעט אינעם נייעם בנין אין אומאן, צו פארברענגען דעם יום טוב צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א אין א היימישע ערליכע אטמאספער. צו דינגען א בעט קען מען רופן 347-452-1963.

**וכל באי עולם יעברון לפניך כבני מרון!**

***

## שבת התוועדות סיום הש"ס בעז"ה
## קומענדיגע יאר אין קראון פלאזא האטעל

אנשי שלומינו חסידי ברסלב היכל הקודש גרייטן זיך מיט גרויס שמחה צום גרויסן סיום הש"ס קומענדיגע יאר שבת קודש פרשת ויגש ז' טבת, וואס וועט בעזרת השם יתברך געפראוועט ווערן אינעם שיינעם "קראון פלאזא האטעל", אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה שליט"א.

ביי יעדער אינגערמאן מאנשי שלומינו איז א פשוטע זאך אז איינע פון די ערשטע שיעורים איז צו לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא.

מוהרא"ש פלעגט כסדר נאכזאגן פון ספר ווי העמודים אז "א בלאט גמרא א טאג איז א חיוב אויף א מענטש ווי הנחת תפילין". איי דו האסט נישט קיין קאפ? דו האסט טירדות? דיין חבורתא קומט נישט? נעם דיר דעם סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן און זאג די הייליגע ווערטער פון די גמרא, אזוי וועסטו זוכה זיין דורכצוגיין כל התורה כולה.

פאר זיבן יאר צוריק זענען געווען פילע אינגעלייט און בחורים וואס האבן זיך צוגעהערט וואס מוהרא"ש זאגט, און טאג איין טאג אויס האבן זיי זיך נישט געלייגט שלאפן איידערן לערנען א בלאט גמרא. יעצט נאכ'ן הארעוועון זיבן יאר, הזורעים בדמעה ברנה יקצורו, וועלן זיי יעצט זוכה זיין זיך צו פרייען מיט דעם גרויסן שמחת התורה, צו ענדיגן כל הש"ס כולה.

צו דעם גרויסן געלעגנהייט האט מען אפגעדינגען דעם גאנצן האטעל מיט אלע צימערן, וואו אלע תלמידי היכל הקודש וועלן ארויסקומען מיט זייערע משפחות און פארברענגען דעם גאנצן שבת קודש מיט א רייכער פראגראם.

בקרוב וועט געמאלדן ווערן די דעטאלן איבער רעזערווירן צימערן.

**כי הם חיינו!**

***

## נייע מיידל קעמפ ווערט אפגעקויפט

מיט פרייד איז געווארן אויפגענומען די נייעס ביי אנשי שלומינו אז אין די יעצטיגע טעג איז געשלאסן געווארן דער מקח פאר א נייע מיידל קעמפ אין סאוט פאלסבורג אין די קעטסקילס.

אזוי ווי די משפחות פון אנשי שלומינו צוואוואקסן זיך קע"ה אויף א גרויסן פארנעם, איז געזען געווארן פאר נויטיג צו טרעפן א נייעם גרויסן קעמפ פאר זומער באזונדער פאר די מיידלעך, וואו זיי זאלן קענען פארברענגען דעם זומער אויף א געשמאקן ערליכן פארנעם, מיט אמונה און יראת שמים, אונטער די פירערשאפט פון די חשובע מנהלת מרת לעזער שתחי'.

דערפאר האט זיך די הנהלת המוסדות ארייגעלייגט צו זוכן און טרעפן א גוטע קעמפ וואס זאל זיין געאייגנט פאר די מיידלעך, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האט מען מצליח געווען אפצוקויפן דעם נייעם קעמפ.

**כה תאמר לבית יעקב!**

>>>>>>

אֵייבֶּערְשְׁטְן – אַזוֹי דַארְף צוּ זַיין, "וְכָךְ נָאֶה וְיָפֶה לוֹ", אוּן דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אוֹיבּ מִיר וָואלְטְן אַלֶעס פַארְשְׁטַאנֶען וָואלְט דָאךְ גֶעוֶוען זַיין שֵׂכֶל אַזוֹי וִוי אוּנְזֶער שֵׂכֶל – חַס וְשָׁלוֹם; קוּמְט אוֹיס אַז דָאס אִיז דֶער שֵׁיינְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן אִים נִישְׁט. אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

יֶעדֶע "פַארְוָואס?" אִיז אַ קַשְׁיָא אַנְטְקֶעגְן דִי אֱמוּנָה; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "לָמָּה? יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם" – אַ גוֹי פְרֶעגְט פַארְוָואס, אַ אִיד פְרֶעגְט נִישְׁט פַארְוָואס, אַ אִיד גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט וִוי אַזוֹי? אָט אַזוֹי, אַזוֹי וִוי עֶס גֵייט, אַזוֹי אִיז גוּט – "אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁכָּכָה לוֹ", וואוֹיל אִיז פַאר אַ אִיד וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, נָאר עֶר חַזְרְ'ט שְׁטֶענְדִיג: "שֶׁכָּכָה לוֹ".

וֶוען מֶען זֶעט וִוי יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אַוֶועקְגֶערִיסְן פוּן דִי וֶועלְט דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת כ.) אַז דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז אַמָאל גֶעזִיצְן מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אוּנְטֶער דִי שָׁאטְן פוּן אַ פַייגְן בּוֹים, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט וָואס דִי פַייגְן הֵייבְּן אָן וֶוערְן גֶעצַייטִיגְט הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען וִוי דֶער בַּעַל הַבַּיִת שְׁטֵייט אוֹיף יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי נָאךְ פַאר זֵיי קוּמֶען לֶערְנֶען אַרָאפְּנֶעמֶען דִי גֶעצַייטִיגְטֶע פַייגְן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט פַארְוָואס עֶר שְׁטֵייט אוֹיף אַזוֹי פְרִי דָאס צוּ טוּן, זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט אַז מִן הַסְתָּם אִיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת זֵיי חוֹשֵׁד אוּן עֶר הָאט מוֹרָא אַז זֵיי וֶועלְן גַנְבְ'נֶען פוּן דִי גֶעצַייטִיגְטֶע פַייגְן, דֶערִיבֶּער פֶעדֶערְט עֶר זִיךְ יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דִי פְרִישֶׁע גֶעצַייטִיגְטֶע פַייגְן, הָאבְּן זֵיי מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז זֵיי וֶועלְן גֵיין צוּ אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ. וֶוען דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט גֶעזֶען אַז זֵיי זֶענֶען אַוֶועק פוּן דִי שָׁאטְן פוּן זַיין בּוֹים הָאט דָאס אִים זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט, עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "אַף חֲדָא מִצְוָה דַהֲוִיתָן נְהִיגִין וְעָבְדִין עִמִּי מְנַעְתּוּנָהּ מִינִּי?" דִי אֵיין מִצְוָה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַז אִיר פְלֶעגְט לֶערְנֶען אוּנְטֶער מַיין פַייגְן בּוֹים הָאט אִיר אוֹיךְ אַוֶועקְגֶענוּמֶען פוּן מִיר? הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט: "מִיר זֶענֶען אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען וַוייל מִיר הָאבְּן גֶעזֶען אַז דוּ בִּיסְט אוּנְז חוֹשֵׁד אַז מִיר וֶועלְן גַנְבְ'נֶען פַייגְן. דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְוָואס עֶר שְׁטֵייט אוֹיף אַזוֹי פְרִי, עֶר הָאט זֵיי אָבֶער גֶעבֶּעטְן אַז זֵיי זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּנְטֶער זַיין פַייגְן בּוֹים. דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג אִיז עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פַארְטָאגְס קְלוֹיבְּן דִי פַייגְן, עֶר הָאט גֶעוַוארְט דִי זוּן זָאל אוֹיפְשַׁיינֶען אוּן וֶוען דִי זוּן הָאט אוֹיפְגֶעשַׁיינְט זֶענֶען אַלֶע פַייגְן פַארְפוֹילְט גֶעוָוארְן, הָאבְּן דִי חֲכָמִים פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס עֶר שְׁטֵייט אוֹיף יֶעדְן טָאג אַזוֹי פְרִי אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דִי פַייגְן, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: "בַּעַל הַתְּאֵנָה יוֹדֵעַ אֵימָתַי עוֹנָתָהּ שֶׁל תְּאֵנָה לִלְקֹט וְהָיָה לוֹקְטָהּ", דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּנֶעם פַייגְן בּוֹים וֵוייסְט פּוּנְקְטְלִיךְ וֶוען עֶס אִיז דִי צַייט אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דִי פַייגְן פוּן בּוֹים, "כָּךְ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹדֵעַ אֵימָתַי עוֹנָתָן שֶׁל צַדִּיקִים לְסַלֵּק מִן הָעוֹלָם וְהוּא מְסַלְּקָן", אַזוֹי אוֹיךְ וֵוייסְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פּוּנְקְטְלִיךְ וֶוען עֶס אִיז דִי צַייט צוּרִיק צוּ נֶעמֶען דִי נְשָׁמָה פוּן דִי צַדִּיקִים.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ נִישְׁט פְרֶעגְן קַיין קַשְׁיוֹת אוּן שְׁאֵלוֹת: "וואוּ זֶענֶען דִי תְּפִילּוֹת?" "פַארְוָואס אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן?" וַוייל מֶען טָאר מֶען נִישְׁט פְרֶעגְן: "פַארְוָואס? פַאר וֶוען? פַאר וואוּ?" נָאר מֶען דַארְף הַאלְטְן אִין אֵיין חַזְרְ'ן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט – אַזוֹי וִוי רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעזָאגְט.

וואוֹיל אִיז פַאר דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' אַחֲרֵי ב' תשע"ט)

BreslevCenter.com\answers

## די איבריגע פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 646-334-2858**



# הָאבּ אִיךְ גֶעעֶפְנְט אַ חוּמָשׁ דִי וָואךְ?

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְ׳ן תַּרְגוּם; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַזוֹי וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָּה פַאר אֲרִיכוּת יָמִים, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) ״לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו״, וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים; הַגַּם דֶער אֲרִיזַ״ל שְׁרַייבְּט אַז מֶען זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פְרַייטָאג - עֶרֶב שַׁבָּת, אָבֶער מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן. מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף זִיךְ אוּן זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן: וָואס טוּ אִיךְ? הָאבּ אִיךְ גֶעעֶפְנְט אַ חוּמָשׁ דִי וָואךְ? הָאבּ אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען פָארִיגֶע וָואךְ? אַז מֶען הֵייבְּט אָן פוּן זוּנְטָאג, אוּן יֶעדְן טָאג לֶערְנְט מֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְ׳ן תַּרְגּוּם, אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען עֶנְדִיגְט יֶעדֶע וָואךְ דִי סֶדְרָה אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶעבְן מִיט דִי פַּרְשָׁה יֶעדְן טָאג.

טוּ אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רפ״ה, סְעִיף ג): ״מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר״, פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין. אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם) פוּנֶעם גְרַ״א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, דֶעמָאלְט אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט סוֹף יָאר אִיז מֶען מוֹרָא׳דִיג בְּשִׂמְחָה אַז מֶען הָאט מְסַיֵּם גֶעוֶוען חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ׳ שְׁמוֹת תשע״ט)




# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## יערליכע פארטי פאר די מוסדות

דעם קומענדיגן זונטאג קומט פאר די יערליכע פארטי פאר אונזערע הייליגע מוסדות. אין די לעצטערע יארן, ווען מ׳האט אנגעהויבן מאכן די פארטי, האט זיך עס ארויסגעשטעלט צו זיין גאר א גרויסער סוקסעס. הונדערטער פרויען האבן אנטייל גענומען ביי די און זיך משתתף געווען מיט גאר שיינע סכומים, פארשטייענדיג די געוואלדיגע מצוה פון ארויסהעלפן אזעלכע הייליגע מוסדות אין וואס די טייערע קינדער ווערן מחונך מיט די הייליגע עצות פון רבי׳ן, און איז א לייכט טורעם פאר די גאנצע וועלט, ווען צענדליגע טויזנטער אידן פון איבער די וועלט שעפן חיות און התחזקות פון אט די הייליגע מוסדות.

דאס יאר וועט באערט ווערן ביי די פארטי די חשובע מנהלת פון "בית פיגא" מרת לעזער שתחי׳, וואס איז גאר שטארק איבערגעגעבן פאר די סקול און פאר די קינדער, פונעם ערשטן טאג ווען די סקול איז געעפנט געווארן. די עלטערן וועלן אויסדרוקן זייער טיפסטע הכרת הטוב פאר די געוואלדיגע ארבעט וואס די חשובע מנהלת לייגט אריין מיט׳ן גאנצן הארץ טאג טעגליך אין סקול.

עס איז ערווארטעט גאר א גרויסע באטייליגונג ביי די פארטי. די חשובע פרויען וועלן אנטייל נעמען און זיך משתתף זיין מיט גרויסע סכומים, די דעטאלן איבער די פארטי זעט אינעם בייגעלייגטן מודעה. די אלע פרויען וועלכע קענען נישט אנטייל נעמען ביי די פארטי, קענען אריינרופן אין אפיס איבערצוגעבן זייער ברייטהארציגע נדבה, אויף 718-384-1652 עקס. 101. אדער קען מען מנדב זיין מיט א קרעדיט קארד אויפ׳ן אויטאמאטישן סיסטעם, דורכ׳ן רופן די פרויען האטליין 212-444-9169 און דערנאך דרוקן 9 און 1.

**בזכות נשים צדקניות!**

***

## נסיעה קיין ארץ ישראל פונעם ראש ישיבה מיט די תלמידים

דעם פארגאנגענעם פרייטאג האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך צוריק געקערט פון ארץ ישראל מיט א גרופע בחורים, נאכ׳ן ווילן דארט פאר עטליכע טעג אויף א נסיעה צום ציון הקדוש פון מוהרא"ש זי"ע אין יבנאל, און צו נאך פילע קברי צדיקים.

ביים ציון הקדוש אין יבנאל האט מען אויסגעזאגט גאנץ תהלים אינאיינעם, און גע׳פועל׳ט שידוכים פאר די בחורים, ווי מוהרא"ש שרייבט אין זיין צוואה, און ער האט געהייסן דאס אויסקריצן אויף זיין מצבה, "אז יעדע בחור אדער מיידל וואס וועט קומען צו זיין ציון און אויסזאגן תהלים לזכותו וועט ער פועל׳ן פאר אים א שידוך". און דערנאך איז מען ארומגעפארן צו פילע ציונים הקדושים אין צפת, עמוקה, מירון, טבריה, און ירושלים.

דאנערשטאג נאכט האט מען זיך ארויסגעלאזט אויפ׳ן צוריק קיין ניו יארק, אנקומענדיג אהיים פרייטאג אינדערפרי, מיט פילע זעק מיט ישועות.

**צדיקים במיתתם קרויים חיים!**

***

## הקמת המצבה פון הבחור החשוב שמעון ענדצווייג ע"ה

דעם מיטוואך איז פארגעקומען דער מעמד הקמת המצבה פון הבחור החשוב שמעון ענדצווייג ע"ה, אין בית החיים אין קרית יואל, וואו מען האט געהערט דברי הספד אויפ׳ן חשוב׳ן נפטר, און ארויסגעברענגט וואס מיר קענען זיך ארויסלערנען פון אים, ווי ער איז אנגעגאנגען מיט זיינע שיעורי תורה, און זיך אנגעפילט מיט ש"ס, משניות, חומש רש"י, און אזוי ווייטער שיעורים בכל התורה כולה, ועל כולם אסאך תפילות פארגאסן פאר׳ן אייבערשטן אויף אידיש, וואס דאס אלעס קומט אים יעצט צונוץ אויפ׳ן עולם האמת.

**תהא נשמתו צרורה בצרור החיים!**

***

## דינגען בעטן אויף ראש השנה אין אומאן

כאטש וואס מיר שטייען נאך הארט נאך פסח, האבן שוין פילע אידן זיך שוין איינגעהאנדלט טיקעטס צו פארן צום הייליגן רבי׳ן אויף ראש השנה קיין אומאן, אזוי ווי דער הייליגער רבי האט געבעטן אז יעדער זאל קומען צו אים אויף ראש השנה, און ער האט צוגעזאגט געוואלדיגע הבטחות אויף דעם.

דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תג): "הראש השנה שלי עולה על הכל", ראש השנה ביי מיר איז גרעסער פון אלעם, מיין גאנצע זאך איז ראש השנה, קיינער טאר נישט פעלן. ווי פארכטיג איז דער יום טוב ראש השנה ווען מ׳שרייבט אפ אין הימל פאר יעדן מענטש אלעס וואס וועט פאסירן צו אים במשך די גאנצע יאר, און דער רבי האט זיך אונטערגענומען אז ער וועט זיין אן אדוואקאט פאר די אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה, ער וועט זיכער מאכן אז מ׳וועט אנשרייבן פאר זיי א גוט געבענטשט יאר.

ווען א מענטש הערט אזעלכע געוואלדיגע הבטחות, וויל ער דאך זיכער קומען צום רבי׳ן אויף ראש השנה, און מען זעט טאקע אז יעדעס יאר קומען צו נאך טויזנטער אידן פון איבער די גאנצע וועלט מיטצוהאלטן דעם רבינ׳ס ראש השנה אין אומאן.

<<<<<<


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
מו"ה יצחק אייזיק ראטה הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב
דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
מו"ה אהרן שלמה שווארץ הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב
דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי״ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**347-509-4908**
**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**